Charter Revision Commission

סי. אר. סי. קיצור פאר איבערזעצונג

די דאקומענט ענטהאלט א קיצור פון די פרילימינערי שטאב רעקאמעדאציעס פון די 2024 טשארטער רעוויזיע קאמיסיע (די קאמיסיע).
נאכפאלגענדיג אן איבערבליק פון די גאנצע טשארטער פון די שטאט ניו יארק, שמיעוסן מיט קאמיסיאנערן, באמערקונגען פונעם ציבור, עדות פון מומחים, נאכפארשונגען און חקירה, אין דעם באריכט רעקאמענדירט די שטאב געוויסע עצות און פראפאזולס פאר די קאמיסיאנער'ס באטראכט און איבערקוקן פונעם ציבור.
די כונה פון די רעקאמעדאציעס איז צו אינפארמירן די קאמיסיאנערן אין זייער ארבעט. זיי זענען נישט די לעצטע רעקאמעדאציעס פון די קאמיסיאנער אדער אין סיי וועלכע וועג א בינדונג אויף די קאמיסיאנערן.

## הינטערגרונט

דיר טשארטער פון די שטאט ניו יורק פאנקציאנירט אלץ די היגע קאנסטיטוציע און שטעלט אויס די סטרוקטור, כוחות און פאראנטווארטליכקייטן פון די רעגירונג פון ניו יארק סיטי. דיר טשארטער גרינדעט די מוסדות און פראצעסן פונעם שטאט'ס פאליטישן סיסטעם און באשרייבט בדרך כלל די אויטאריטעט און פאראנטווארטליכקייטן פון די שטאטישע עידזשענסיס און ערוויילטע באאמטע, אריינרעכנדיג די מעיאר, דער סיטי קאונסיל, דער קאמפטראלער, בארא פרעזידענט, און די פאבליק אדוואקאט.
אום מאי 21, 2024, האט מעיאר עריק אדאמס געגרינדעט דעם 2024 טשארטער רעוויזיע קאמיסיע און באשטימט קארלאו סיסורא, אלץ טשעיר, און 12 אנדערע קאמיוניטי פירער צו דינען אויף די קאמיסיע. דער מעיאר האט באפוילן די קאמיסיע מיט רעצענזירן (איבערקוקן) די גאנצע טשארטער צו פארזיכערן אז עס ארבעט ווי עס ברויך און ענטפערט צו אלע פון ניו יארק. דער מעיאר האט אויך געבעטן די קאמיסיע צו באקוקן, בפרט, אויב דער טשארטער קען ווערן פארענדערט צו הייבן די פארזיכערונג פונעם ציבור און פיסקאלע (פינאנציעלע) פאראנטווארטליכקייט.

## ציבור דערגרייכונג און ציבור באטייליגונג

זייט איר שאפונג איז די קאמיסיע נאכגעגאנגען א לעבעדיגע ציבור דערגרייכונג קאמפיין צו בעטן געדאנקען פון די פארשידנארטיגע קאמיוניטיס און פאראינטערעסירטע וואס מאכן ניו יארק סיטי. ביז היינט, האבן די באמיאונגען אריינגערעכנט:
- לעבעדיגע וועבקעסטס פון אלע קאמיסיע הערינגס און זיצונגען (מיטינגס);
- ארויסגעבן הערונג נאטיצן, דרוק מעלדיגן, טראנסקריפטן, רעזאלוציעס, ווידיאו פון די ארכיוון, און אנדערע מאטעריאלן אויף די קאמיסיאנער'ס וועבזייטל:

www.nyc.gov/charter

° האלטן פאבליק הערונגען אין צוטריטליכע ערטער אין יעדע בארא סיי דורך דעם טאג און אין דער אוונט אין א באמיאונג צו צושטעלן פילצאליגע געלעגנהייטן פארן ציבור צו אדרעסירן די קאמיסיע פערזענליך;

° ערלויבן ווירטואלע פאבליק עדות דורך אלע פובליק הערונגען צו ערלויבן ניו יארקערס זיך צו לאזן הערן אין סיי וועלכע וועג עס פאסט זייער סקעדזשועל;

° איבעזעצונג סערוויסעס ביי אלע הערונגען און פאבליק אסיפות;
° ארבעטן מיט ערוויילטע באאמטע און קאמיוניטי ארגעניזאציעס צו פארשפרייטן דאס ווארט וועגן קאמיסיע הערונגען; און

° דאס אננעמען פון געשריבענע עדות ביז נאך יולי 12, ביי

charterinfo@citycharter.nyc.gov .

קומענדיגע בארא הערונגען

פאלגענדיג דאס ארויסגעבונג פון דעם באריכט, וועט די קאמיסיע אונטערנעמען ווייטערדיגע באמיאונגען צו בעטן די ציבור'ס באמיאונגען. א סקעדזשועל פון קומענדיגע פאבליק הערונגען איז אוועילעבל ביי NYC.gov/charter .
איצטיגע געסקעדזשועלטע פאבליק הערונגען רעכענען אריין:

| | |
|---|---|
| מיטוואך, יוני 26, 2024, 5:00-8:00 אוונט<br><br>ען. ווײ. סי. דעפארטמענט און דעזיין ענד קאנסטראקשן:<br>NYC Department of Design and Construction<br>30-30 Thomson Ave<br>Queens, NY 11101 | מאנטאג, יוני 24, 2024, 5:00-8:00 אוונט<br><br>קארטוס היי סקול:<br>Curtis High School<br>105 Hamilton Avenue<br>Staten Island, NY 10301 |
| מאנטאג, יולי 8, 2024, 5:00-8:00 אוונט<br><br>שוימבערג סענטער פאר רעסערטש אין בלעק קאלטשער<br>Schomburg Center for Research in Black Culture<br>515 Malcolm X Boulevard (at 135th Street)<br>New York, NY 10037 | דאנערשטאג, יוני 27, 2024, 5:00-8:00 אוונט<br><br>מעדגאר עווערס קאלעדזש<br>Medgar Evers College<br>1650 Bedford Avenue<br>Brooklyn, NY 11225 |
| דאנערשטאג, יולי 11, 2024, 5:00-8:00 אוונט<br><br>פארדהעם יוניווערסיטי<br>Fordham University<br>441 East Fordham Road<br>Bronx, NY 10458 | דינסטאג, יולי 9, 2024, 5:00-8:00 אוונט<br><br>סטעטען איילענד יוניווערסיטי האספיטאל נארט<br>Staten Island University Hospital North<br>475 Seaview Avenue<br>Staten Island, NY 10305 |

## פינאנציעלע פאראנטווארטליכקייט

דער טשארטער פארלאנגט אז יעדע יאר זאל דיר מעיאר פראפאוזן, און דער סיטי קאונסיל אדאפטירן, א באלאנסירטע באדזשעט. [1] דער באדזשעט, וועלכער באשטייט פון דיר פאראייניגטע באדזשעטערי פרייאריטעטן פון ביידע- דער קאונסיל און דער מעיאר, דינט בעיקר צוויי צוועקן. ערשטנס, עס געבט את פולשטענדיגע און פארלעסליכע סטרוקטור צו די שטאט'ס הוצאות און הכנסות איבער דער פיסקאלע יאר. צווייטנס, עס הייבט א סאלידע פארוואלטונג.
בשעת איבערקוקן און באשטעטיגן די שטאט'ס באדזשעט איז מעגליך די שטערקסטע לעגיסלאטיווע אקציע וואס ווערט געטוען דורך די קאונסיל יעדע יאר, ציעט זיך איר לעגיסלאטיווע גרייכונג פיל ווייטער פון דעם יערליכן באדזשעט פראצעס. די קאונסיל האט די כח דורך די מעדזשאריטי וואוט צו פירן א פראפאוזד געזעץ געבונג אויף אלע-ערליי ענינים, און עס נוצט אפט דאס כח מיט געזעץ געבונג וואס איז משפיע אויף מוניסיפאלע אפעראציעס, אריינרעכנדיג שטאט סערוויסן און בענעפיטן.
סיטי קאונסיל געזעץ געבונג אפעקטירט אפט די סיטי באדזשעט. צוליב די מציאות, פארלאנגט דיר טשארטער אז קיין שום היגע געזעץ קען געשטימט ווערן דורך די קאונסיל, אדער אבלאט 4

קאמיטי פון די קאונסיל, חוץ אויב עס איז באגלייט מיט א פיסקאלע אימפאקט סטעיטמענט. [2]
די סטעיטמענטס, וואס זענען לויט די קאונסיל ראט צוגעגרייט דורך די פיינענס אפטיילונג פון די סיטי קאונסיל, ענטהאלט די סיטי קאונסיל'ס אפשאצונג פון די פיסקאלע השפעה פון א געזעץ אויף שטאטישע הכנסות און אויסגאבן. [3]

נארמאלערהייט דרוקט די קאונסיל פיסקאלע אימפאקט סטעיטמענטס נאר ווען פראפאוזט לעגיסלאציע (געזעץ געבונג) איז אויפן שוועל פון ווערן אדאפטירט אלץ א געזעץ. [4] דאס מיינט אז אסאך פון די ציבור'ס דעבאטע ארום א געזעץ - אריינגערעכנט די קאונסיל'ס פאבליק הערונג אויף די פארגעלייגטע געזעץ (פראפאוזט ביל) - געשעהט ווען עס איז נישטא א פיסקאלע אימפאקט סטעיטמענט. [5] נאך מער, די סטעיטמענטס קענען אונטערשאצן די פאקטישע קאסטן.

דעריבער, בשעת דעם יערליכן באדזשעט איז געמיינט צו צאלן די אפעראציעס פונעם שטאט דורכאויס די פיסקאלע יאר,
די לעגיסלאציע וואס איז געפירט אינדרויסן פון די באדזשעט פראצעס וועט טראצדעם אפעקטירן דעם באנוצונג פון שטייערן הכנסות און רעגירונג הוצאות. וואו לעגיסלאציע מיט א פיסקאלע השפעה איז אויסגעפירט, פאלט עס אויף עידזשענסיס און די אפיס

---

[1] דער סקעדזשועל אין דער טשארטער שפיגלט אפ אן ערווארטונג אז די באדזשעט וועט ווערן אדאפטירט ביזן אנהויב פון דעם קומענדיגן פיסקאלע יאר, אדער יולי 1. ען. ווײ. סי. טשארטער §§ 225,226
N.Y.C. Charter §§ 225,226
Id. at §§ 33[2].
[3] N.Y.C. Council Rule 6.50 (providing for Council finance division review).
[3] ען. ווײ. סי. קאונסיל ראט 6.50 (געבן פאר קאונסיל פיינענס אפטיילונג איבערקוקן).
[4] עס איז א ברייט אנגענומענע פירונג פאר א פיסקאלע אימפאקט סטעיטמענט צו ווערן געמאכט אין די וואך פאר א לעגיסלאטיווע פארשטעלונג'ס אויספירונג, און נישט פריער. דאס איז מערסטנס ווייל די לעצטע ווערטער פון די לעגיסלאציע ווערט געווענליך פארענדיגט א וואך פאר די גאנצע קאונסיל סטעיטעד מיטינג וואו די גאנצע קאונסיל פלאנט אויסצופירן די לעגיסלאציע - א חלק צוליב די פארלאנגען אז א ביל זאל זיין אין זיין לעצטן פארעם וויניגסטנס 7 טעג (נישט אריינגערעכנט זונטאגס) פאר די גאנצע קאונסיל וואוט. דעריבער, קאסטן וואס זענען נוגע ווערן נארמאלערהייט נאר אריינגעשטעלט אין די לוח וואך ווען די געזאגטע מיטינג פון די סיטי קאונסיל איז געפלאנט, אזוי אז די קאונסיל קען שטימען אויף די פארגעלייגטע לעגיסלאציע. ען. ווײ. סי. טשארטער § 36.
N.Y.C. Charter § 36.
[5] צוםביישפיל, די קאונסיל'ס אניציאלע קאמיטי הערונג פאר די ביל וואס איז געווארן די היגע געזעץ נומער 196 פון יאר 2017 איז געהאלטן געווארן יאנואר 31, 2017, אבער די פיסקאלע נאוט פאר די געזעץ איז נישט געדרוקט געווארן ביז סעפטעמבער 20, 2017, די זעלבע טאג ווי די קאמיטי'ס צווייטע און לעצטע הערונג אויף די לעגיסלאציע, און א וואך פאר עס אויספירן אום סעפטעמבער 27, 2021.

פון פארוואלטונג און באדזשעט צו באשטימען וויאזוי צו צאלן פאר נייע פארפליכטונגען וואס מען האט נישט אויסגערעכנט ווען די פיסקאלע יאר האט זיך אנגעהויבן.

## קאפיטאל פלאנירונג

קאפיטאל פלאנירונג ערלויבט ניו יארק סיטי צו אומפלעמענטירן סטראטעגיש קריטישע אינפרעסטרוקטור אינוועסטמענטס.
קאמפטראלער ברעד לענדער האט אריינגעגעבן עדות און רעקאמענדירט עטליכע אינישיעטיוון וואס איז שייך צו מענעדזשן ניו יארק סיטי'ס פינאנצן. [6] איין פראפאוזל האט צו טוען מיט מאדערניזירן די סיטי'ס צוגאנג צו אינפרעסטרוקטור אפשאצונג, קאפיטאל פלאנירונג און באדזשעטן. [7] דער קאמפטראלער רעקאמענדירט קלאר ארויפצוברענגען די קשר צווישן אינפרעסטרוקטור אפשאצונג און די צען-יאריגע קאפיטאל סטראטעגיע און אידענטיפיצירן געוויסע באטראכטונגען וואס זאל ווערן באטראכט אין די צען-יאריגע קאפיטאל סטראטעגיע. [8]
קאפיטאל פלאנירונג איז שוין א פרייאריטי פאר מעיאר אדאמס זייט די אנהויב פון זיין אדמיניסטראציע. אין נאוועמבער 2023, האבן דער מעיאר און דער קאמפטראלער ארויסגעגעבן די סיטי'ס ערשטע פולשטענדיגע קאפיטאל פראיעקטן טרעקער, וואס ערלויבט נוצער צו זעהן די סטאטוס און באדזשעט פון אלע קאפיטאל פראיעקטן פון גרויסע עידזשענסיס. [9] דער מעיאר האט

---

[6] אפיס פון דיר ניו יארק סיטי קאמפטראלער ברעד לענדער, "קאמפטראלער לענדער לייגט פאר טשארטער רעוויזיעס צו בעסער מענעדזשן ניו יארק סיטי'ס פינאנצן,"
New York City Comptroller Brad Lander, June 7, 2024, https://comptroller.nyc.gov/newsroom/comptroller-lander-proposes-charter-revisions-to-better-manage-new-york-citys-finances/.

[7] Id.

[8] Id.

[9] אפיס פון דער מעיאר, "מעיאר אדאמס, קאמפטראלער לענדער ברענגען אפענקייט און אחריות אינעם קאפיטאל פראצעס מיטן שטאט'ס ערשטע פולשטענדיגע קאפיטאל פראיעקטן טרעקער, "

The Official Website of the City of New York, Nov. 1, 2023 https://www.nyc.gov/office-of-the-mayor/news/837-23/mayor-adams-comptroller-lander-bring-transparency-accountability-capital-process-with.,

ארויסגעגעבן די גרעסטע צען-יאריגע קאפיטאל פלאן, א פלאן וואס פרייאריטיזירט טראנספארטאציע, וואוינונגען, ענווייראנמענטל שיצונג, און שולעס. [10]

## באדזשעטערי עפפעקטיווקייט

דער מעיאר'ס אפיס פון פארוואלטונג און באדזשעט האט אויך גע'עצה'ט אז געוויסע טעכנישע לייזונגען צום טשארטער קען הייבן עפעקטיווקייט און פארזיכערן אז דער טשארטער - באפוילענע פראצעס שפיגלט אפ מאדערנע רעאליטעטן.

שטאב רעקאמענדירונג

דער שטאב רעקאמענדירט אז די קאמיסיע זאל ווייטער ארייננקלערן און בעטן באמערקונגען בנוגע מיטלען צו:

(1) פארבעסערן די אפשאצונג פון די פינאנציעלע השפעה פון לעגיסלאציע אויף די באדזשעט, ארייינרעכנדיג דורך פארלאנגען אן אפשאצונג פון פיסקאלע השפעות פריעור אין די לעגיסלאטיווע פראצעס און דורך ארייינמישן אדיציאנאלע פארטייען אין אפשאצונג פראצעס;

(2) הארמאניזירן דער טשארטער -באפוילענע באדזשעט פראצעס מיט די קאונסיל'ס כח צו דורכפירן לעגיסלאציע מיט באדזשעט אימפאקטן אינדרויסן פון יערליכע אפראופריעשס (הוצאות באשלוסן) פראצעס;

(3) אפדעיטן די פראוויזיעס בנוגע די קאפיטאל פלאן אינווענטארי און מעינטענענס אפשאצונגען, ארייינרעכענענדיג דורך צולייגן א קלארע סטעיטמענט פונעם ציל וואס ברענגט צאם די אינפרעסטרוקטור אפשאצונג צו די צען-יאריגע קאפיטאל סטראטעגיע, פארענדערנדיג די אינוועטארי אפצושפיגלען נאך רעלעוואנטע פרטים, און וואס האלט נאך כללים פאר אידענטיפיצירונג פון קאפיטאלע געברויכן צו ווערן ארייינגערעכנט אין דעם צען-יאריגן קאפיטאל סטראטעגיע; און

---

[10] סאמאר קהורשיד, "צוזאגן פראיעקטן שנעלער און ביליגער, אדאמס אדמיניסטראציע גייט נאך קאפיטאל קאנסטראקשן רעפארמען," https://www.gothamgazette.com/city/11807-nyc-capital-construction-reforms-mayor-adams.

(4) מאדערניזירן דעדליינס און ענליכע טעכנישע פאדערונגען צו דערהייבן עפעקטיוויקייט אין די באדזשעט פראצעס.

## ציבור פארזיכערונג

איינע פון די יסודות'דיגע פליכטן פון רעגירונג איז צו באשיצן די פארזיכערונג פונעם ציבור. די היסטאריע פון ניו יארק סיטי שטרייכט אונטער אז די גליקן פון פון די שטאט בכלל, זענען שטארק פארבינדן צו איר פעהיגקייט צו באשיצן די ציבור און אנהאלטן זעלבסט זיכערהייט אינעם עולם אין געזעץ איינפירונג. היינט, נאך יארן פון פארשריט, איז ניו יארק סיטי איינע פון די מערסטע פארזיכערטע גרויסע שטעט אין אמעריקע. טראצדעם, אידענטיפיצירן ניו יארקערס ווייטער פארברעכנס און ציבור פארזיכערונג אלץ הויכע ענינים פון זארג. [11]

די סיטי קאונסיל, אלץ די לעגיסלאטיווע קערפער פון די שטאט, שפילט אויך א וויכטיגע ראלע אין ציבור פארזיכערונג. די קאונסיל'ס ראלע אין די באדזשעטערי פראצעס העלפט באשטימען די רעסורסן אוועילעבל צו די שטאט'ס פאבליק סעיפטי עידזשענסיס. [12] די קאונסיל פירט אויך אפט לעגיסלאציע וואס איז משפיע אויף די עידזשענסיס וואס זענען אחריות פאר ציבור פארזיכערונג, אדער וואס קען אומדירעקט הייבן אדער נישט בכונה שעדיגן ציבור פארזיכערונג. [13]

די קאמיסיע האט געהערט היבש עדות אויסדרוקנדיג זארג וועגן די קאונסיל'ס אויספירונג פון לעגיסלאציע וואס האט צו טוען מיט ציבור פארזיכערונג מיט געציילטע

---

[11] זעה, ע.ג., רעבעקע לוויס, "סיענע פאל: ניו יארקערס זענען נאך אלץ באזארגט וועגן פארברעכן," City & State New York, July 12, 2023, https://www.cityandstateny.com/politics/2023/07/siena-poll-new-yorkers-are-still-worried-about-crime/388402/

(באמערקט אז ניו יארקערס האלטן אין איין אויסדרוקן זארגן וועגן פארברעכן און ציבור פארזיכערונג אין פובליק פאלס).

[12] זעה, ע.ג., ען. וויי. סי. טשארטער §§ 247, 253 (פאדערנדיג סיטי קאונסיל צו האלטן הערונגען און רעקאמענדירן בנוגע צום באדזשעט).

[13] זעה, ע.ג., היגע געזעץ נומער 23 פון 2024 (פאדערנדיג ען. וויי. פי. די. צו מיטטיילן לייב-געטראגענע קאמערע ווידיאו מיט די. או. איי. ביז 10 טעג פון די.או. איי.'ס פארלאנג); היגע געזעץ נומער 20 פון 2024 (פאדערנדיג ען. וויי. פי. די. צו באריכטן ווען א יחיד געבט נישט רשות פארן זוכן); היגע געזעץ נומער 25 פון 2024 (פאדערנדיג ען וויי פי די זאלן אויסזאגן נדבות פון $1 מיליון אדער מער); היגע געזעץ נומער 26 פון 2024 (פאדערנדיג ען וויי פי די צו באריכטן תירוצים פארן אפשטעלן אן אוטו).

געלעגנהייטן פאר באמערקונגען פונעם ציבור אדער באראטונג מיט עקספערטן, באטראפענע עידזשענסיס, און קריטישע בעלי עניין.

## שטאב רעקאמענדירונג

שטאב רעקאמענדירט אז די קאמיסיע זאל ווייטער דורכטראכטן און בעטן באמערקונגען בנוגע מיטלען צו:
(1) צו פארבעסערן די באראטונג'ס פראצעס פאר לעגיסלאציע וואס איז שייך צו ציבור פארזיכערונג בשעתן אנהאלטן די שטאט'ס פעהיגקייט צו נעמען שנעלע שריט ווען נויטיג;
(2) פארשטארקן געלעגנהייטן פאר דער ציבור, עידזשענסי און קריטישע סטעיק-האלדער איינגעבונג אויף לעגיסלאציע בנוגע ציבור פארזיכערונג; און
(3) ענדערן דיר טשארטער צו העכערן ציבור פארזיכערונג.

## רעגירונג רעפארם רעקאמעדאציעס

שטאב רעקאמענדירט אז די קאמיסיע זאל בעטן און טראכן וועגן ווייטערדיגע באמערקונגען וועגן:
1. נאכפארשן מיטלען צו פארבעסערן סערוויסעס צוגעשטעלט צו, און העכערן די באנוצונג פון, עם. דאבעליו. בי. אי.'ס, אריינרעכענענדיג שטודירן די שאפונג א נייע עידזשענסי געווידמעט צו דעם צוועק.
2. געבן איינגעשטעלטע פון די מעיאר'ס אפיס פון מידיע און ענטערטעינמענט די כח ארויסצוגעבן פילם פערמיטס דורך פארענדערן חלק 1072 פונעם טשארטער צו געבן די דעפארטמענט פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע און טעלע-קאמיוניקאציע (וואו עס שטייט איין דיר מעיאר'ס אפיס פון מידיע און ענטערטעינמענט) די זעלבע כוחות און אויטאריטאטן פאר פילם און טעלעוויזיע ערלויבן ווי איז איצט פארזיכערט אין די דעפארטמענט פון קליינע ביזנעס סערוויסעס ביי חלק 1301;
3. צוריקציען חלק 1122 און פארטרעטן עד. קאוד פראוויזיעס פאדערנדיג פארזיכערטע כתבים פאר ערווייטלע באאמטע;

4. פארענדערן חלקים 643 און 1301 פון דיר טשארטער צו רוקן די וואסערפראנט, ערלויבנדיג פראצעס פאר די קאנסטראקשן און איבערמאכן פון אלע סטרוקטורן אויף די וואסערפראנט פראפערטי, אריינרעכענענדיג מעריטיים סטרוקטורן, צו די. או. בי;
5. אויספארשן אפדעיטס פאר פרק 31 פונעם טשארטער צו קלאר מאכן און אויסברייטן די. עס. ען. ווי. פליכטן צו ערמעגליכן ריינערע גאסן, סיידוואקס און פראפערטי וואס געהערט צום שטאט;
6. פאראייניגן די ארכיוון רעצענזיע (רעוויו) באורד און די ארכיוון, רעפערענץ און פארשונג קאמיטי אין איין גוף; און
7. צאמקלויבן באמערקונגען פון איינוואוינער וואס רעספעקטירט לאקאלע קוואליטאט פונעם לעבן און סערוויס דעליווערי צו אינפארמירן מוניסיפאלע אפעראציעס און דער באדזשעט.